# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Der Eydeler Mentsh – Borukh Shefner (Shtrikhn Tsu Zayn Ondenk) / The Genteel Man – Boruch Schefner (Traits To Remember Him By)

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/5tj063jr

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)

### Author
Lotty F. Malach, Loti F. Malekh /

### Publication Date
1978

### Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לאָטי פ. מלאך

# דער אידעלער מענטש — ברוך שעפנער

(עטלעכע שטריכן צו זיין אָנדענק)

געזען האָב איך אים דאָס ערשטע מאָל אין ליטעראַרישן פאַריין, אין וואַרשע. ער איז אַריינגעקומען מיט דער פאָדער־שטער טיר און זיך געלאָזט גיין איבער דער ברייט צו דער אַנדערער זייט פון זאַל.

אויף אים האָט אָבער שוין אַ לענגערע צייט געוואַרט אַ מענטש אין אַ פּאָר שוואַרצע ברילן, אַ ברייטן „וועלור"־מאַנטל און אַ הוט פּאַצעטיש אַריבערגעבויגן איבערן פּנים. ער האָט זיך ממש ווי אַ וואָרף געטאָן אויף שעפנערן, וויזט אויס מיט אַ זייער דרינגענדיקן ענין. ביידע זיינען ווי צוזאַמענגעוואַקסן אין אַן ערנסטן, זייער ערנסטן שמועס. גענוג דאָ אָנצודייטן, אַז יענער איז געקומען פון דייטשלאַנד, און לויט שעפנערס מראה האָט ער ניט געבראַכט קיין גוטע בשורה.

איינציקוויז האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען מענטשן: זשורנאַליסטן, שרייבערס, כלל־טוערס און ווער ווייסט, ווער נאָך? זייער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן. שעפנער האָט געפּרוווט פאָרשטעלן און איז גלייך איבערגעגאַנגען צו אַן אַלגעמיינעם געשפּרעך מיט די אַריינגעקומענע. אין זאַל איז געוואָרן וואַרעם, היימלעך, ריידעוודיק. נאָר איין איציק מאַנגער איז געשטאַנען אין אַ זייט אַן אָנגעברוגזטער. אים איז נעבעך תמיד און שטענדיק עפּעס

---

בעלי־חי. און ווען דער קינסטלער באַרירט אפילו אַ מאָטיוו וואָס איז פרעמד דער טראַדיציאָנעלער יידישער פילפּאַרביקייט וועבט ער זיך אַריין אין אַ גאַמע פון געפילן, וואָס זייער טעם איז דער אַלמענטשלעכער באַגריף פון — אהבה.

איז וואָס זאָגט אונדז שאַגאַל דער בן־תשעים? דער אַלט־יונגער קינסטלער גייט כסדר אָן אין דער וועלט פון זיין טרוים. אלא מה? מיט אַ צוריקבליק אויף זיין לעבן. אַזוי אַרום באַקומט זיך די זעלבע שאַגאַלישע וועלט און, דאָך אַן אַנדערע. די נאָסטאַלגישע מיסטעריע איז געדיכטער, דעם קינסטלערס בליק — גוטמוטיקער און אַ גלעטנדיקער. זעלטן אַ דראַמאַטישער טאָן. דער גראַנגל מיטן מלאך איז געענדיקט. מיר זעען בילדער פון זיין וויטעבסקער היים, דאָרט וווּ ס'איז געשטאַנען דעם קינסטלערס וויג; און בילדער פון זיין פּאַריזער היים, וווּ ס'האָט זיך צעזונגען זיין קונסט. ס'קומען צירק־מאָטיוון, תנ"ך־געזאַנגען, שיר־השירימדיקע מעלאָדיעס פונעם אייביק פאַרליבטן שאַגאַל; אַ פּאָעטישע וועלט וווּ שאַגאַלס פאַרבן קלינגען מיט אַ פּאַר־שיידנאַרטיקן טעמבער — טייל מאָל מיט דער סובטעלקייט פון ראַוועלס פאַרביקע מוזיק און טייל מאָל מיט דער רוישיקער געדיכטקייט פון סטראַווינסקיס אָרקעסט־ראַלע פּאַלעטע.

זיין געשפּרעך פאַר דער פראַנצויזישער טעלעוויזיע האָט שאַגאַל פאַרענדיקט מיטן געדאַנק: אָן פּאָעזיע און אָן ליבע האָט דאָס לעבן נישט קיין טעם און נישט קיין צוועק. דער דאָזיקער געדאַנק איז ווי אַ מאָטאָ צושאַגאַלס שאַפונג פון די לעצטע צען יאָר. און אויך קען מען דעם געדאַנק באַטראַכטן ווי אַ שאַגאַלישן מעסאַזש, אָן גייסטיקע דערהויבונג און אָן מענטשלעכע וואַרעמקייט ווערט דאָס לעבן אַ קאַלטער מעכאַניזם; אַ מעכאַניזם אָן אַ יידישן טעם! און וואָס איז ווערט אַזאַ לעבן? אפילו נישט קיין שמעק טאַבאַק! מעג דער לעבנס־מעכאַניזם אפילו האָבן פליגל פון ציוויליזאַציע און, ווי דער מיטאָלאָגישער איקאַר אויף שאַגאַלס אַ בילד, פליען אין די הימלען און זיך פאַרמעסטן מיט די געטער — איז זיין סוף אַ טרויעריקער...

הוילע מעכאַנישע ציוויליזאַציע קען נישט ברענגען דאָס גליק דעם מענטשלעכן מין! ווע לן מיר נישט מיד ווערן איבערצוחזרן דעם שאַגאַלישן מעסאַזש און ווע לן ווינטשן דעם קינסטלער — עד מאה ועשרים!

נישט דערגאַנגען. דערקעגן קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, אַ זייער אויפגעלייגטע, אַ שיינענדיקע, איז צוגעקומען און האָט זיי אַלע קאָקעטיש אַריינגערויכערט אין פנים אַריין פון איר פיין־געשניצטן ציגאַרעטן־שפיצל. „זי איז עפעס היינט געקומען זייער פרי,“ האָט איינער געשעפטשעט, „ס'מוז עפעס זיין דערביי.“ באַלד האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען שלמה מענדעלסאָן.

אייגנטלעך איז שפענער געקומען אַרבעטן אין זיין קליינער קאַנצעלאַריע, וואָס ער האָט דאָ געהאַט ערגעץ־ווו אין אַ ווינקל. ער איז געווען פאַרזיצער פונעם ליטעראַטן פאַריין און האָט געהאַט וואָס צו טאָן.

נאָר אין ליטעראַטן פאַריין איז מען נישט גלאַט אַזוי אַריבערגעגאַנגען דעם זאַל פון איין זייט צו דער צווייטער. ס'האָט זיך געווענדט אָן דעם, וועמען מען האָט באַגעגנט אין די צוויי־דריי צענדליק שפאַן. אין דעם פאַל, און נישט דאָס איינציקע מאָל, איז ער געבליבן שטיין אַ „געפאַנגענער“ פון זיינע קאָלעגן און האָט יעדן איינעם געמוזט אויסהערן און עפעס ענטפערן. ער האָט זיך געפירט ווי אַן אמתער ראש הקהל און האָט געהאַלטן פאַר נאַטירלעך, אַז מען זאָל זיך צו אים ווענדן. וואָרעם צו וועמען דען זאָל מען האָבן טענות אויב נישט צום פאָרזיצער? און וואָס־וואָס, טענות זיינען אין ליטעראַטן פאַריין געווען איבער גענוג. ער האָט זיך דאָס מאָל ניט געוויצלט, ווי זיין טבע איז געווען. ער איז געשטאַנען אַן ערנסטער, מען האָט געקענט זען, אַז עפעס אַ פראָבלעם ליגט אים אויפן זינען. ער איז געווען אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ מאַט פנים און אַ בויגעוודיקער פיגור.— עלעגאַנט.

* * * * *

אין ליטעראַטן פאַריין זיינען געווען פאַרטראָטן אַ האַלבער טוץ פאַרטייען. און ער, שפענער, דער בונדיסט, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די „זיבעטע“ פאַרטיי. דאָס שיינע פון דער זאַך איז געווען דאָס, וואָס אַלע האָבן זיך געקענט געפינען. אַלע האָבן געקאָנט אויסדריקן זייערע ליטעראַרישע און פאָליטישע מיינונגען. אַלע זיינען געקומען (מיר וועלן ניט זאָגן גלייך) צום וואָרט. און אויב איינער האָט ניט געקראָגן דאָס וואָרט, האָט ער זיך עס אַליין גענומען...

ניין, ס'האָט דאָרט נישט געהערשט קיין האַרמאָניע, נאָר צעשאָטענע פאַרבן און קלינגענדיקע קלאַנגען האָבן אָנגעפילט די לופט. „שטילקייט“, האָט געזאָגט אונדזער גרויסער שלום אַש, „הערשט אויפן בית עולם.“ און דאָ האָט דאָס לעבן געברויזט. היינט, היינט איז דאָרט שטיל...

* * * * *

מיט וואָסערע זעקס חדשים שפעטער האָב איך געטראָפן ברוך שפענערן אין פאַריז. ער איז געקומען אויף אַ לעקציע־טור. איך האָב אים געקענט. ער מיך — נישט. — אַזוי האָב איך געמיינט. מיינע חברים פועלי ציון האָבן מיך מיטגענומען צו דער לעקציע. און ווי מיר זיצן אַזוי גיט מיך עמיצער אַ צי ביים אַרבל: „הער!“ „דאָ אין זאַל, ווי מען גיט אונדז איבער, געפינט זיך לאָטי מלאך, בעטן מיר זי זאָל צוקומען אַהער צו דער בינע נאָך דער לעקציע.“ ווען ער האָט מיך דערזען האָט ער זיך ממש איינגעבראָכן אין דרייען. ס'געווען קורץ נאָך מלאכס אומגעריכטן טויט. — זיי זיינען געווען זייער גוטע פריינט. „אומגליקלעכע וואָס איר זיינט, זעט נאָר וואָס פון אייך איז געוואָרן...“

ניט נאָר האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס מיטגעפיל, נאָר זיין אייגענער צער אויפן פאַרלוסט פון יונגן לייב מלאך איז געווען גאָר אין לשער.

ער איז געבליבן בלויז עטלעכע טעג אין פאַריז.

* * * * *

מיט אַ דריי יאָר שפעטער האָב איך ווידער געטראָפן ברוך שפענערן, דאָס מאָל שוין אין ניו־יאָרק. דאָס הייסט ניט אין ניו־יאָרק גופא, נאָר אין פאַר־ראַקאַוויי, דער זומער־רעזאָרט פון יידישע שרייבערס. ער האָט שוין געהאַט אויסגעוואַנדערט אַ האַלבע וועלט. אַריבער די גרענעץ קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד און איבערן ווייטן מזרח זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע. ער איז שוין געווען איינגעאָרדנט, געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַר־

בעטער פון„פאָרווערטס" און אייגעהיימישט אויף איסט־בראָדוויי. און, ווי זיין געבענטשטע נאַטור האָט אויסגיטראָגן, האָט ער שוין אויך דאָ געהאַט אַ סך פריינט — דאָס מאָל מערסטנס דיכטער: מאַניע לייב, אברהם רייזן, א. לוצקי, מינקאָוו, ראַשעל וועפּרינסקי און אַ סך אַנדערע.

ווידער האָב איך באַמערקט עפּעס ענלעכס צו דעם וואָס איך האָב פריער געזען אין וואַרשע. דאָ איז עס געווען נעבן אַ גריבלעך־בלויען אויסגוס פון ים, אויף אַ ווייסן זאַמד־ברעג. ווי ער איז אַזוי געשטאַנען און גערעדט מיט קאָלעגן האָט זיך צו אים צוגעכאַפּט דער יונגער און זייער טעמפּעראַמענטפולער דיכטער אבא שטאָלצענבערג און האָט זיך וועגן עפּעס שטאַרק געקאָכט. נאָר ברוך שעפּנער האָט שוין געהאַט זיין אופן ווי אַזוי אייננעם צו באַרואיקן. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף יענעמס אַקסל און אים אַריינגעשמייכלט אין פּנים אַריין: נאַרעלע, איז וואָס? דאַרף מען זיך אַזוי אויפרעגן? און אָט שטייען זיי ביידע: ברוך שעפּנער אַ הויכער, אויף אַ פּאָר לאַנגע פיס, אין באָד־קאָסטיום האָט מען ערשט געזען ווי לאַנג זיינע פיס זיינען. און אבא שטאָלצענבערג, אַ קורץ־געוויקסיקער, אַ קיילעכדיקער, אַ קונדס, אַ שטיפער, אַז ניט געווען אויסצוהאַלטן פון אים. שעפּנער, דאָס פּנים שוין פאַרשאָטנט — ער האָט נאָך ניט געהאַט זיין פרוי און טעכטער מיט זיך — האָט געדולדיק אויסגעהערט, בעת אבא, שוין אַ פריילעכער, האָט דערציילט, וואָס די פרויען, וועלכע זיינען געזעסן אַ ביסל אָפּגערוקט, רעדן צווישן זיך. דערציילט איינע: „ווען איך בין געווען יונג, בין איך געווען שיין..." און ער גיט צו זיין אייגנס, „און קלוג..." אַלע האָבן געלאַכט, נאָר אבא האָט זיך ממש אַוועקגעקייקלט פאַר געלעכטער. שעפּנער האָט ניט געזען קיין שום נאַרישקייט אין דעם; אַ שפּאַס איז אַ שפּאַס.

* * * * *

צוליב וואָס האָט דער „פאָרווערטס" אָפּגעדרוקט די פאָטאָגראַפיע פון ברוך שעפּנערן בעת ער איז שוין געווען אויף דער עלטער? אַ שאָד. אַזוי וואָלט ער דאָך פאַרבליבן ביי די מערסטע פון זיינע לייענער אין זכרון, אַזאַ יונגער, אַזאַ עלעגאַנטער, אַן אמת זיידענער יונגערמאַן.

אָ, יאָ, ער איז געווען אַ מענטש מיט פּרינציפּן. אָבער קודם כל איז ער געווען אַ מענטש — און נאָך וואָס פאַר אַ מענטש! נישטאָ קיין סך אַזעלכע. ער האָט ניט געהאַלטן פון דער הדחה. ווי אַלטפרענקיש! ווער האַלט עס היינט פון דער הדחה? פון פאַרשטויסן?

ער האָט פאַרטיידיקט זיינע איבערצייגונגען (געקעמפּט איז פאַר אים ניט דאָס ריכטיקע וואָרט) מיט זיין אויסגעריפט, פּובליציסטיש וואָרט. ער האָט אין די זעכציקער יאָרן, בעת די פּרעזידענט־וואַלן דאָ אין אַמעריקע, געוואַגט אַרויסצוקומען פאַר מעקגאָווערן און קעגן ניקסאָנען. „איך שעם זיך ניט", האָט ער געשריבן, אַז איך וועל שטימען פאַר מעקגאָווערן, כאָטש דאָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט דער „עסטאַבלישמענט". און ווו האָט ער דאָס געשריבן? אין „פאָרווערטס", וואָס האָט זיך זיין אייגענע „עסטאַבלישמענטס". וואָסערע גליקן מעקגאָווערן וואָלט אונדז געבראַכט, ווען ער וואָלט דערווילט געוואָרן ווייסן מיר ניט. ער האָט זיך ניט „איבערגעגעסן" מיט אהבת ישראל (אָבער אויך ניט מיט קיין שנאת ישראל). מיר ווייסן אָבער יאָ וואָס ניקסאָן האָט געבראַכט דעם אַמעריקאַנעם פאָלק. דאָס ווייסן מיר שוין היינט אויף געוויס און שעפּנער האָט געשטימט קעגן אים.

* * * * *

ברוך שעפּנערס סטיל פון שרייבן, און ער האָט געשריבן זייער אַ סך, איז געווען אַ האַרמאָנישער סינטעז מיט זיין מילדער פערזענלעכקייט. אַזאַ האַרמאָניע טרעפט מען זעלטן ביי אַ שרייבער, אָדער וועלכן עס איז אַנדערן קינסטלער. זיינע אַרטיקלען, פּאָליטישע ווי ליטעראַרישע, זיינען געפלאָסן אָן רעש, ווי עס פליסט אַמאָל אַ שטיל קלאָר וואַסערל, פון וועלכן ס'איז גוט אָנצושעפּן און צו טרינקען.

ער האָט געשריבן פעליעטאָנען; אָבער ניט אַזעלכע מען זאָל פּלאַצן פאַר געלעכטער, ווי משה נאַדיר האָט געשריבן, משה גראָס צימערמאַן אָדער אפילו קאָוונער (פון שלום עליכמען איז שוין אָפּגערעדט). זיינע פעליעטאָנען האָבן אַרויסגערופן אַ גוטמוטיקן שמייכל — ווידער, די כאַראַק־